# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

תש"פ | פרשת שלח | 335

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### יראת שמים איז טאקע בידי שמים?!

"וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ" (יג טז)

"התפלל עליו: י-ה יושיעך מעצת מרגלים" (רש"י, ע"פ סוטה לד ב)

די מפרשים וואונדערן זיך: וויאזוי האט די תפילה פון משה געהאלפן פאר יהושע ניצול ווערן פון די מרגלים, דאס וואס דער מענטש איז בוחר צווישן רע און טוב גוט'ס איז נישט בידי שמים, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות לג ב): "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים". טאקע, ווען איינער דאוונט ער זאל נכשל ווערן, דאס אליינ'ס ווייזט שוין אז ער וויל זיין ערליך, אבער ווען איינער ווערט דערווייטערט פון שלעכט'ס דורך א תפילה פון אנדערע, איז דאך דאס א סתירה צו די בחירה?

זאגט **רבי יהודה לייב עדיל** דער סלאנים'ער מגיד:

ריכטיג, א תפילה פון אנדערע קען נישט אפהאלטן א מענטש פון זינדיגן, אבער עס קען העלפן פאר איינער וואס איז נישט אינטערעסירט זינדיגן, ער זאל נישט נאכגעשלעפט ווערן צו א מצב וואס זאל אים צוברענגען זינדיגן, אזוי ווי עס האט פאסירט מיט די מרגלים, אז זייער שרעק פון די איינוואוינער אין די הייליגע לאנד האט צוגעברענגט זיי זאלן זינדיגן.

אויף נאך א וועג טייטש **רבי יוסף חיים פון באגדאד**:

תפילה העלפט נישט פאר איינער וואס זינדיגט 'ביודעין', אבער עס האט א כח אין א פאל וואס דער יצר הרע פאר'נאר'ט דעם מענטש ער זאל מיינען אויף א עבירה אז עס איז כאילו א מצוה, אזוי ווי עס איז געווען ביי די מרגלים וואס האבן געטראכט רעדן שלעכט'ס אויף די לאנד, טראכטנדיג אז דורך דעם וועט גרעסער ווערן די שכר פון די אידן, אז טראץ די שרעק וועלן זיי זיך פארלאזן אויף השי"ת און ארויף גיין איינעמען דאס לאנד.

נאך ערקלערט דער **'משך חכמה'**:

די תפילה פון משה איז טאקע געווען אקעגן די געווענליכע בחירה וואס א מענטש האט, אבער עס איז נישט קיין קשיא, ווייל משה און יהושע זענען שוין דערהויבן געווארן צו אזא מדריגה אז די בחירה איז פון זיי אוועק גענומען געווארן.

מהרש"א ברכות י א 'איי הים' שם ברכות שם; 'בן יהוידע' סוטה לד ב; 'משך חכמה' הקדמה לחומש שמות

### א תפילה ער זאל נישט געשעדיגט ווערן

"וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ" (יג טז)

"התפלל עליו, י-ה יושיעך מעצת מרגלים" (רש"י).

פארוואס האט משה געדאוונט נאר אויף יהושע און נישט אויף די אנדערע מרגלים, לכאורה "באותה שעה כשרים היו" (רש"י לעיל פס' ג)?

זאגט דער **חיד"א**:

**רבי שלמה אסתרוק** ערקלערט אז משה האט נישט געדאוונט אויף יהושע ער זאל נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך די מרגלים, ווייל וויסנדיג זיין גרויסקייט האט ער נישט געציטערט אויף אים. זיין תפילה איז נאר געווען ער זאל געראטעוועט ווערן פון זייערע הענט, זיי זאלן אים נישט הרג'ענען ווען ער וועט פראטעסטירן אקעגן זיי. לויט דעם פארשטייט מען פארוואס ער האט נישט געדארפט דאווענען אויף כלב, ווייל עס איז דאך באקאנט (רש"י להלן יד כד) אז טראץ כלב האט נישט צוגעשטימט צו די מרגלים, האט ער באהאלטן זיין מיינונג פון זיי, און דעריבער איז ער נישט געווען אין א געפאר.

'נחל קדומים'

### 'כי מכבדי אכבד'

"עַד אָנָה יְנַאֲצֻנִי הָעָם הַזֶּה וְעַד אָנָה לֹא יַאֲמִינוּ בִי" (יד יא)

דער **רבינו בחיי** שרייבט (שמות יד לא): דער וואס ענטפערט אמן ווי עס דארף צו זיין, איז ער ריכטיג מכבד דעם אייבערשטן, און אויף אים איז געזאגט געווארן (שמואל א' ב ל): "כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד". "און דער וואס געבט נישט אכטונג עס זאגן מיט זיין גאנצע כח און כוונה, איז ער מבזה דעם אייבערשטן, און אויף אים זאגט דער פסוק (שם) 'וּבֹזַי יֵקָלּוּ'".

די מקור צו דעם איז אין זוהר הק' (וילך רפה א), און דער **הרמ"ז** ערקלערט דארט, ווייל ענטפערן אמן איז א גרינגע זאך, דער וואס טוט גרינגשעצן אין דעם ווערט גערעכנט אויף א מבזה ה' און אין ענדע וועט ער אויך פארשעמט ווערן - מידה כנגד מידה.

און אזוי שרייבט **רבי יעקב קטינא** פון חוסט אין זיין ספר 'רחמי האב' (אות נו):

"מ'זאל זייער אכטונג געבן צו ענטפערן אמן, ווייל וואס וועט ער ענטפערן אין בית דין של מעלה ווען מ'וועט אים פרעגן: 'פארוואס האסטו נישט געענטפערט אמן, איז עס דען שווער געווען?!' אויף דעם קומט דער רמז (תהלים פג יז): 'מלא פניהם קלון' - איז סופי תיבות אמ"ן".

א רמז אויף דעם ברענגט **רבי יעקב דוב מארמארשטיין** יו"ר 'בני אמונים' פון אונזער פסוק: "עַד אָנָה יְנַאֲצֻנִי הָעָם הַזֶּה" - די ראשי תיבות זענען בגימטריה 'אמן', "וְעַד אָנָה לֹא יַאֲמִינוּ בִי" - ביז ווען וועלן זיי גרינגשעצן אין ענטפערן אמן, אזוי ווי עס אויבן ערקלערט געווארן אז דער וואס טוט גרינגשעצן אין דעם איז ער ח"ו ווי איינער וואס איז מנאץ כלפי מעלה.

### 'הושע' אקעגן 'יהושע'

"וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ" (יג טז)

"התפלל עליו, י-ה יושיעך מעצת מרגלים" (רש"י ע"פ סוטה לד ב)

זאגט דער **'אמרי אמת'**:

אנדערשט פון יהושע וואס איז געראטעוועט געווארן פון עצת המרגלים דורך משה'ס תפילה, אן דארפן דערמאנען זכות אבות, האט כלב יא געדארפט דאווענען אויף קברי אבות אין חברון ער זאל געראטעוועט ווערן. אזוי אויך אונז, ביי אלע אונזערע תפילות דערמאנען מיר פריער זכות אבות, אויסער ביי די תפילה וואס ווערט געזאגט אין א פלאץ פון א סכנה, וואו דארט בעטן מיר מיטן לשון 'הושע', אלץ א רמז אויף די תפילה וואו דארט האט מען נישט דערמאנט זכות אבות. אזוי ווי מיר האבן געלערנט (ברכות כח ב): "המהלך במקום סכנה מתפלל תפילה קצרה, אומר: הושע השם את עמך, את שארית ישראל, בכל פרשת העבור [די גמרא טייטש: אפילו בשעה שפורשים לעבירה] יהיו צרכיהם לפניך".

'אמרי אמת' תרע"ו

### די מרגלים האבן געברענגט די שוואכסטע פון די שבעת המינים

"וַיִּכְרְתוּ מִשָּׁם זְמוֹרָה וְאֶשְׁכּוֹל עֲנָבִים אֶחָד וַיִּשָּׂאֻהוּ בַמּוֹט בִּשְׁנָיִם וּמִן הָרִמֹּנִים וּמִן הַתְּאֵנִים" (יג כג)

פארוואס האבן די מרגלים געברענגט דווקא די דריי פרוכט?

זאגט **רבי אברהם יצחק שיין** ר"מ ישיבת 'תפארת ירושלים' אין סטעטן איילענד:

חז"ל זאגן (ברכות מא א, ע"פ רש"י ד"ה ופליגא) איינער וואס וויל עסן צוויי ערליי פרוכט פון שבעת המינים, דארף ער פריער זאגן א ברכה אויף די פרוכט וואס ווערן פריער דערמאנט אין פסוק וואס רעכנט אויס די שבעת המינים, ווייל דער פסוק רעכנט זיי אויס לויט זייער חשיבות. דער סדר אין תורה איז אזוי: חטה, זית, שעורה, תמר, גפן, תאנה און רימון (דברים ח ח; ברכות שם ב; תוספות שם ד"ה זה).

די מרגלים האבן געוואלט רעדן אין די שאנד פון די לאנד און אירע פרוכט, אזוי ווי רש"י זאגט: "כשם שפריה משונה - כך עמה משונה", דעריבער פון די שבעת המינים שנשתבחה בהם ארץ ישראל, האבן זיי אויסגעוועלט דווקא די דריי פרוכט וואס זענען די שוואכסטע לויט דעם אויבנדערמאנטן סדר.

'ברכת איש'


## דאווענען צייטליך - א זכות וואס איז א חובה

די חכמים זאגן (איכ"ר פתיחתא י) אז ווער עס האנדלט און פלאגט זיך אין זיין ארבעט אן מיד צו ווערן, און נאר דאס אנקומען צייטליך צום דאווענען זעהט אים אויס ווי א פלאג און צוליב דעם שפעטיגט ער, אויף אים זאגט דער פסוק (ישעיה מג כב): "ולא אותי קראת יעקב כי יגעת בי ישראל".

בני אמונים. זריזים משכימים אויף 'ברכות השחר'

וְלֹא אֹתִי קָרָאתָ יַעֲקֹב



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'אשר יצר' - רופא כל בשר (א)

### באשאפן מיט א וואונדערליכע חכמה

די ברכה 'אשר יצר' הייבט זיך אן מיט א לויב צום באשעפער: "אשר יצר את האדם **בחכמה**", און טאקע אזוי - א געטליכע וואונדערליכע גרויסע חכמה ליגט באהאלטן אין די בריאה פון דער מענטש.

עס זענען דא פון די ראשונים וואס טייטשן אז אין די ווארט 'בחכמה' געבן מיר א לויב אויף די עצם חכמה וואס ה' האט אונז געשאנקען, וואס דורך דעם קענען מיר איינערקענען די גרויסע חסדים וואס ער טוט מיט אונז פון ווען מיר זענען באשאפן געווארן ביזן היינטיגן טאג. דעריבער איז זיכער ראוי מיר זאלן זיך באניצן מיט אט די חכמה כדי צו זעהן און אפלערנען די טיפקייט פון די חכמה און חסד וואס ליגט באהאלטן אין די מענטש'ס בריאה, און אזוי וועלן מיר לויבן דעם אייבערשטן פון טיפן הארץ.

די ראשונים וואס ערקלערן די ברכה זענען מאריך אויסרעכנען די ספעציעלע חכמה וואס עקזיסטירט אין דעם מענטש'ס קערפער סיסטעם, פאלגנד וועלן מיר אראפ ברענגען פון די ווערטער פון **אבודרהם** וואו ער שילדערט די חכמה פון ה' וואס דערקענט זיך אין קערפער פון מענטש:

"ער האט באשאפן אויגן ער זאל קענען קוקן און זעהן מיט זיי. ער האט באשאפן צו דעם די האטל העכער דעם (די עפעפים) ער זאל זיי קענען צומאכן און שלאפן און נישט קוקן אויף שלעכט'ס... ער האט באשאפן לעכער ביי די אויערן ער זאל הערן מיט זיי... ער האט באשאפן דעם גארגל צו קענען ארויפברענגען און אראפנידערן דעם 'רוח נשמת חיים' פון די הארץ דורך די לונגען צו די נאז לעכער און צו די מויל, און קענען ארויס געבן א שטימע פון רעדן וואס קומט ארויס פון די לונגען דורך די רוח נשמת חיים. ער האט אים באשאפן א הארץ ס'זאל זיין ווי א הויז פאר די רוח חיים און קענען טראכטן אלע ערליי מחשבות... ער האט באשאפן דעם מילץ (טחול) אויף די לינקע זייט מיט די שווארצע גאל (מרה השחורה) אויסקילן די קישקעס און די געדערעם און די בויך כדי די עסן און טרונקען זאל נישט פארטרוקנט ווערן... און די אלע זאכן וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין דעם מענטש האט ער נישט באשאפן נאר פאר די געברויך פונעם מענטש און זיין לעבן, און דאס איז א גרויסע חכמה, נישטא נאך אין איר גלייכן..."

### דער 'רוח' בלייבט אין מענטש אגאנץ לעבן

די חכמה אויף וואס מיר לויבן אין די ברכה ערקלערן די ראשונים אויף עטליכע וועגן:

רש"י אין ברכות (ס א ד"ה ומפליא, קוק אין ב"י או"ח ו ד"ה ועל) ערקלערט, מיר לויבן דעם אייבערשטן אויף די ספעציעלע חכמה פון באשאפן א מענטש אזוי ווי מיר דערציילן באלד: "וברא בו נקבים נקבים חלולים חלולים", ווייל "דער קערפער איז דאך אויסגעהוילט ווי א קריגל פון לעדער, און אויב אין די קריגל איז דא א לאך קען די לופט זיך נישט האלטן אין דעם, און דער אייבערשטער האט באשאפן אין דעם מענטש אסאך לעכער, און פון דעסוועגן איז דער 'רוח' אין אים אגאנץ לעבן, און דאס איז א וואונדער און א חכמה".

אזוי ווי איינער האט א פאס וויין און באפעלט זיין קנעכט: 'צוברעך דעם פאס און היט אפ די וויין עס זאל זיך נישט אויסגיסן'. יעדער קלוגער מענטש פארשטייט אז דאס איז אוממעגליך, אבער דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש ווי א קריגל פול מיט לעכער, און פון דעסוועגן ווערט די 'רוח' אפגעהיטן אין אים אגאנץ לעבן.

### א לויב אויף צוגרייטן די אלע געברויכן פון פריער

די בעלי התוספות (שם ד"ה אשר) ערקלערן אז די געוואלדיגע חכמה אין די בריאת האדם איז דאס וואס זיין שפייז איז אים גרייט געווען בעפאר ער איז באשאפן געווארן, ווייל דער מענטש איז דאך באשאפן געווארן פרייטאג נאך אלע באשעפענישן וואס דארפן אים באדינען. און די מפרשים לייגן צו, אז די זעלבע זען מיר ביי א קינד וואס ווערט געבוירן און באלד האט ער גרייט זיין עסן (זעה צל"ח ברכות י א).

נישט נאר די שפייז איז צוגעגרייט געווארן בעפאר די מענטש איז באשאפן געווארן, נאר אויך די היילוג'נס מיטלען פאר אלע זיינע ווייטאגן. וויל די וועלט טוט שאצן דעם דאקטער לויט זיין מעגליכקייט צו טרעפן א רפואה פאר פארשידענע קראנקייטן, אבער אויך דער קלוגסטער דאקטער קען נישט באשאפן א רפואה אויף א קראנקייט וואס איז נאכנישט אויף דער וועלט, אבער דער אייבערשטער וואס זעהט ביז סוף כל הדורות, האט שוין בעפאר די בריאה צוגעגרייט א רפואה אויף יעדע קראנקייט און אויף יעדע פעלער וואס וועט באנייט ווערן אין לויף פון יעדע צייט. און דאס איז די געוואלדיגע חכמה וואס מיר לויבן דערויף ('עבודת ישראל' שמות פר' זכור).

### א לויב אויף די חכמה וואס דער מענטש פארמאגט

עס זענען דא מפרשים (רבינו מנוח תפילה ז ה; מהרש"א ח"א ברכות שם ועוד) וואס טייטשן נישט דעם לשון 'בחכמה' אויף דאס עצם באשאפן א מענטש, ווייל אלע שטריכן וואס זענען דא אין קערפער פון א מענטש, זענען אויך פארהאן אין א בהמה, און פון דער נוסח פון די ברכה: 'אשר יצר את **האדם**'... 'וברא **בו**' זעהט אויס אז מיר לויבן אויף א ספעציעלע חכמה וואס נאר דער מענטש האט. דעריבער טייטשן זיי, אז אונזער לויב איז אויף די עצם חכמה און שכל וואס ה' האט געשאנקען דעם מענטש, וואס דורך דעם איז ער העכער אלע בעלי חיים.

נאר, חז"ל האבן מתקן געווען עס זאגן דוקא אין צייט וואס דער מענטש קומט ארויס פון בית הכסא, ווייל ווען נישט דעם, וואלט דער מענטש זיך גרויס געהאלטן מיט זיין חכמה זייענדיג העכער אלע באשעפענישן, און וואלט חלילה צוגעקומען צו כפירה, אבער ארויס קומענדיג פון בית הכסא פארשטייט ער זיין שוואכקייט, און עס איז נישטא א חשש ער זאל צוקומען צו גאוה ('שלמי צבור' שם, אין נאמען פון 'מגלת ספר').

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## געדאווענט אין א צייטונג

דער צדיק רבי יצחק זילבער זצ"ל, ראש ישיבות 'תולדות ישורון', איז באקאנט אלץ איינער וואס האט זוכה געווען אויפהייבן די כבוד פון די בני תורה, וואס זענען ארויפגעקומען פון די 'סאוויעט פארבאנד', אין די ראם פון די ישיבות און כוללים וואס ער האט אויפגעשטעלט אין ארץ הקודש, ווי דארטן זיצן אסאך בני תורה און לערנען ביזן היינטיגן טאג.

זיין וועג צו שטייגן אין עבודת ה' איז פיל געווען מיט אויסערגעווענליכע שוועריקייטן, און נישט גרינגערהייט איז ער צוגעקומען צו וואס ער איז צוגעקומען.

רוב פון זיין לעבן איז רבי יצחק געווען אין גלות אין די 'סאוויעט פארבאנד', אין די תקופה פון דער רשע סטאלין ימ"ש, וואס צוזאמען מיט זיינע חברים די כופרים די קאמעניסטן, האט ער באשלאסן אינגאנצן אויסרייסן יעדע ברעקל אידישקייט, און ליידער, צענדליגער טויזנטער אידן פון די 'סאוויעט פארבאנד' זענען אויסגעמישט געווארן צווישן די גוים, און כמעט וואס עס וואלט פון זיי גארנישט געבליבן, ווען נישט דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף זיין פאלק, און האט איבערגעלאזט עטליכע בעלי מסירות נפש וואס אויך אין די פינסטערע און גדעכטע נעפל, האבן זיי איינגעשטעלט זייער לעבן און זייער פרייהייט, און האבן מיט מסירות נפש אויפגעפלאמט די פארלאשענע קוילן און אנגעצינדן נאך און נאך קליינע פלאמען אין די איבערגעבליבענע פון די פראכטיגע קהילות וואס אין לויף פון די יארן, ווען קאמעניזעם איז צוזאמגעפאלן, האבן זיי זיך פאראייניגט אויף איין גרויסע פייער וואס האט צוריק אנגעהויבן לייכטן אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ.

איינער פון די מסירות נפש אידן איז געווען רבי יצחק זילבער זצ"ל, וואס אויף זיין אייגנארטיגן וועג איז ער געשטיגן און אויסגעוואקסן טראץ די געוואלדיגע שוועריקייטן, ביז ער האט זוכה געווען ארויף גיין קיין ארץ הקודש, וואו דארט האט זיין גרויסע ליכטיגקייט אנגעהויבן שטארק שיינען און האט באלויכטן די וועג פון טויזנטער. אין זיינע לעצטע יארן האבן זיינע נאנטע צוזאמגענומען זיין שטורעמישע לעבנ'ס געשיכטע אין דעם וואונדערליכן ספר 'להישאר יהודי', וואס צווישן זיינע בלעטער האבן מיר געטראפן דעם פאלגנדן ערציילונג:

דאס האט פאסירט איז די צייט וואס רבי יצחק האט געוואוינט אין די שטעטל סטאלביטשי, ערגעץ וואו אין די פארווארפענע שטעטלעך אין די סאוויעט פארבאנד. אונטער די קאמעניסטישע הערשאפט, האט יעדער בירגער, 'מיטגליד' אויף זייער שפראך, געמוזט ארבעטן, ווייל אויב נישט וואלט ער געשטארבן פון הונגער. אויך רבי יצחק איז געצווינגען געווען זיין א לערער אין א שולע אין א דערנעבנדיגע גוי'שע שולע.

אויך זייענדיג אין יענע שווערע אומשטענדן, האט רבי יצחק נישט מוותר געווען אפילו אויף א קוצו של יו"ד פון די מצוות, טראץ אלעס האט געמוזט זיין באהאלטערנערהייט. די דריי תפילות שחרית, מנחה און מעריב איז יעדן טאג געווען פאר אים א עקסטערע עבודה. צוליב זיין אויפגאבע האט ער זיך גדארפט אויפהאלטן צווישן די ווענט פון די שולע פון די גאר פרי'ע צופריה שעה'ן. אויך זייענדיג אין זיין הויז האט ער נישט געקענט דאווענען, ווייל ער האט געוואוינט אין איין הויז מיט א שלעכטער רוסישער גוי וואס האט נישט אויפגעהערט נאכלאקערן יעדע באוועגונג. און צוליב דעם האט ער גדארפט טרעפן א לעזונג ער זאל קענען אפרעכטן די תפילות אן א שלעכט אויג זאל עפעס זען און באמערקן.

באלד ווען ער האט אנגעהויבן זיין ארבעט אין די שולע האט ער אנגעהויבן זוכן א באהאלטענע פלאץ, צווישן די ווענט פון די שולע, וואו דארט וועט ער קענען דאווענען. ביז זיינע אויגן האבן אויפגעכאפט אז אונטער די גרויסע טירן וואס זענען געווען אין איינע פון די פליגען פון די געביידע איז זייער פאסיג אויף דעם. די ברייטע טירן זענען שטענדיג אפן געווען, און אונטער איינע פון זיי איז געווען גענוג א גרויסער פלאץ וואו דארט האט ער זיך געקענט באהאלטן און דאווענען א שנעלע תפילה.

די באהאלטענע ווינקל האט רבי יצחק באשטימט פאר זיינע תפילות, יעדן אינדערפריה, בעפאר מ'האט אנגעהויבן לערנען, נאך וואס ער האט געזאגט די 'פסוקי דזמרה' אויפן וועג צו די שולע, האט ער געלייגט תפילין און גדאווענט שמונה עשרה אין די ווינקל. מנחה האט ער גדאווענט אין די צייט פון די מיטאג-פויזע, און מעריב - נאכן ענדיגן די ארבעט.

איין טאג האט זיך רבי יצחק אביסל אויפגעהאלטן, און פונקט ווען ער האט געוואלט אנהייבן 'שמונה עשרה', איז געהערט געווארן די שרייענדיגע קול פון די קלינג וואס טוט מעלדן אז די פויזע האט זיך געענדיגט און די לערער'ס און די סטודענטן דארפן צוריק גיין אין די קלאסן.

אין די קאמעניסטישע רוסלאנד איז נישט געווען אזא באגריף פון 'פארשפעטיגן', און רבי יצחק האט מיט ווייטאג געמוזט אפהאקן אינמיטן דאווענען און אריינגיין אין זיין קלאס. אבער, ער האט דאך נישט געמעגט רעדן, און רבי יצחק וואס ווי געזאגט האט ער מדקדק געווען במצוות אויף יעדע קוצו של יו"ד, האט באשלאסן אז ער רעדט נישט, עס זאל זיין וואס זאל נאר נישט זיין.

אנשטאט רעדן, האט רבי יצחק געוויזן פאר די סטודענטן אויף דעם בלאט אין דעם בוך וואו דארט שטייט די 'רעכענונג' וואס זיי דארפן אויסרעכענען, נאכדעם האט ער אויפגעשריבן אויף די טאוול זיינע באמערקונגען און אנווייזונגען, און אזוי האט ער געהאפט פארזעצן ביזן ענדע פון די לעקציע. אבער די פארוואונדערטע סטודענטן, אנשטאט זיי זאלן טון וואס ער האט זיי געהייסן, האבן זיי אויפגעהויבן צו זיין ריכטונג דערשראקענע אויגן. זיי האבן פארשטאנען אז ער וויל נישט רעדן מיט זיי ווייל ער איז אויף זיי אויפגערעגט, און זיי האט נאר אינטערעסירט - פארוואס?

"פארוואס איז דער לערער אויפגערעגט?" - האט איינער פון זיי זיך דערוואגט אנרופן הויעך, "האבן מיר עפעס שלעכט'ס געטון? אויב יא, זאל מען אונז זאגן און מיר וועלן פרובירן עס פארריכטן", אבער רבי יצחק האט נישט רעאגירט, דער געדאנק איז אים דווקא זייער געפעלן, און אנשטאט ענטפערן האט ער איינגעקנייטשט זיינע אויגן ברעמען און פארמאכט זיין מויל ווי איינער וואס וויל איינהאלטן זיין צארן, און אזוי האט ער פארגעזעצט מיט זיין שווייגעניש ביז די ענדע פון די לעקציע.

ווען די לעקציע האט זיך געענדיגט האט ער זיך געאיילט ארויס גיין פון קלאס, גראד ארויס צו זיין ווינקל... אין די קורצע פויזע האט ער אנגעיאגט ענדיגן דאס דאווענען, און באלד נאכדעם איז ער צוריק צו זיין קלאס. דאס מאל האט ער געוויזן א רואיגן פנים, וואס האט צוגעברענגט די תלמידים זאלן נאכאמאל איבערפרעגן: "אויף וואס איז דער צארן?".

"ענק געדענקען נישט אז פאריגע וואך אינמיטן טאג זענען ענק אנטלאפן פון קלאס אויף א פארשטעלונג?", האט רבי יצחק אנגעשטעלט א פנים כאילו ער פארשטייט נישט וואס איז זייער וואונדער, "ענק האבן געמיינט אז איך וועל עס פארשווייגן?!", און די סטודענטן האבן אראפגעלאזט זייערע אויגן.

אין א אנדערע געלעגנהייט ווען ער האט נישט געקענט דאווענען אין זיין באשטימטע ווינקל, האט ער געמוזט טרעפן א אנדערע לעזונג. אין זיין ערפינדערישע מח האט ער געטראפן א לעזונג; ער איז צוגעגאנגען צו די טישל פון די צייטונגען נעבן די שולע, גענומען איין צייטונג, עס געהאלטן כאילו ער ליינט אין דעם, אין די צייט וואס זיינע ליפן מורמלען א תפילה.

אבער, פונקט אין די מינוט האט איינער פון די לערער'ס, טארסאוויץ איז געווען זיין נאמען, באשלאסן דורכרעדן מיט אים עפעס א שווערע טעמע. דער טארסאוויץ איז געווען באקאנט פאר א באשוואוירענער קאמעניסט וואס האט איבערגעגעבן פאר די רעגירונג יעדע זאך וואס לויט זיין בליק איז עס געווען אקעגן די רעגירונג.

אויך אין די שווערע צייט האט רבי יצחק געזוכט עפעס וועג נישט צו דארפן רעדן אינמיטן שמונה עשרה; ווען דער טארסאוויץ האט אים געגעבן א קלאפ אויף זיין פלייצע און אנגעהויבן פארלייגן זיין פראגע, האט רבי יצחק זיך אנגעכאפט און פארדרייט זיין פנים ווען ער געבט ארויס א קרעכץ, כאילו ער גייט יעצט אריבער א הארץ אטאקע.

טארסאוויץ האט זיך דערשראקן און האט זיך געאיילט צו די אפיס פון שולע רופן א אמבולאנס, ווען אינצווישן האט רבי יצחק אנגעיאגט ענדיגן דאס דאווענען, און אים בארואיגן אז אלעס איז אין ארדענונג. ער האט זיך צוריק געכאפט...

אזוי מיט סייעתא דשמיא, האט רבי יצחק מצליח געווען אדורך גיין די שרעקליכע יארן אן ער זאל מוותר זיין אויף איין תפילה ווי עס דארף צו זיין, עס זעהט אויס אז זיינע תפילות האבן צוגעהאלפן ער זאל געראטעוועט ווערן פון דעם ביטערן גלות, ווען ער איז שלם בגופו און שלם בתורתו, ארויף גיין צו די הייליגע לאנד און אויפשטעלן טויזנטער תלמידים אויפן דרך התורה.

'להישאר יהודי' עמ' 158

עיצובים shay